**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט נאך $10 מיליאן איז יעצט צוגעשטעלט געווארן פאר גרויסע טערמעל פראיעקטן צו פארמינערן גרינהאוז גאז עמישנס

***נייע גרויסע טערמעל פראיעקטן פראגראם שטיצט די-קארבאנייזד הייצונג, קילונג, און הייס וואסער סיסטעמס אין געביידעס, ארייננגערעכנט מוסטער פאר מערערע געביידעס סערוויסט דורך די טערמעל ענערגיע נעטווארקס***

גאווערנער האקול מעלדט נאך $10 מיליאן איז יעצט צוגעשטעלט געווארן פאר גרויסע טערמעל פראיעקטן צו פארמינערן גרינהאוז גאז עמישנס פון הייצונג, קילונג, און הייס וואסער אין געביידעס. די נייע גרויסע טערמעל פראגראם וועט שטיצן פראיעקטן פאר גרעסערע געביידעס אדער נעטווארקס פון געביידעס וואס צייגן מוסטערן וואס מען קען נאכמאכן און ביזנעס מאדעלן פאר באדייטנד אראפנידערנדע ענערגיע באנוץ, ברענגענדיג ענערגיע ערהוילונג צום מאקסימום, און פארבעסערן קלימאט און גריד שטאנדהאפטיגקייט.

"אינוועסטירן אין די מוסטער און פאזיציע פון ריינע הייצונג און קילונג סיסטעמס איז נאך א טייל פון ניו יארק'ס סטראטעגיע צו דיקארבאנייזן געביידעס אויף נידריגערע עמישנס לענגאויס די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די נייע פראגראם, שאפן מיר גוטע ענערגיע און געביידעס וואו עס איז באקוועם צו ארבעטן, וואוינען, און לערנען לענגאויס די סטעיט."

די נייע [גרויסע טערמעל פראגראם, (Large-Scale Thermal Program)](#) געגעבן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), וועט פארמעסטנדיג באלוינען געלטער צו קאלעדשעס און יונעווערסיטעטן, פילע-פאמיליע קאמפלעקסעס, מעדעצינישע קאמפוסעס און קאמיוניטיס פאר פראיעקטן וואס נוצן הייצונג פאמפס און נידריגערע קארבאן טערמעל הילפסמיטלען אזוויי דשיאטערמעל, וועיסטוואסער, וועיסט הייצונג, סערפוס וואסער, און טערמעל ענערגיע סטארידזש גוט ארייננצוברענגען אנדערע סארט ריינע הייצונג און קילונג סיסטעמס און געצייג אין זייערע געביידעס. פראיעקט סייטס קענען באשטיין פון אן איינציגע גרויסע געביידע אדער מערערע קא-לאקירטע געביידעס (ד.מ., מערערע געביידעס סערוויסט דורך א געטיילטע טערמעל סיסטעם און/אדער הילפסמיטל), סיי עקזיסטירנדע אדער נייע בוי-ארבעט.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "הייצונג פון באוואוינטע פלעצער און באשאפונג פון לאקאלע הייס וואסער זענען שווער צו דיקארבאנייזן אין געביידעס, אונטערשטאצנדיג די וויכטיגקייט פון די נייע פראגראמען וואס געבן שטיצע פאר פראיעקטן וואס צייגן מאדעלן וועלכע מען קען נאכמאכן צו פארמינערן ענערגיע באנוץ און פארמערן קלימאט און גריד שטאנדהאפטיגקייט. בעת מיר ארבעטן מיט און אימפלעמענטירן נייע, חידוש'פולע טעכנאלאגיעס אזוויי גרויסע טערמעל, וועט ניו יארק

סטעיט ווייטער מאכן פארשריט אין פארמינערן גרינהויז גאז עמישנס בשעת'ן פארבעסערן איינוואוינער'ס לעבנס קוואליטעט מיט ריינע, געשמאקע, שיינע הייצונג און קילונג סיסטעמס."

אלס טייל פון די פארמעסטנדע אויסוואל, וועט NYSERDA פריארעטעזירן פראיעקטן וואס זענען לאקירט אין [שוואכע קאמיוניטיס](disadvantaged communities, DACs), אזויווי אפגעשאצט דורך די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעט גרופע (Climate Justice Working Group), אדער וואס סערווירן נידריגע-איינקומפט איינוואוינער, וואס פאלגן אויס די קלימאט אקט פארלאנגען מיט כאטש 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון בענעפיטן פאר ריינע ענערגיע אינוועסטמענטס ווערן דירעקטירט צו DACs. מוסטערן פאר פראיעקטן וועלכע סערווירן באוואוינטע געביידעס וועלן ווערן פארלאנגט זיך צוצוגרייטן און איבערגעבן א קונים מיטארבעטן און באשיצן פלאן ( Customer Engagement and Protection Plan), וואס וועט ווייזן וויאזוי קונים וועלן ווערן געלערנט און אריינגענומען זיך צו פארבינדען צו די סיסטעם ווי אויך צו זייערע רעכטן און אחריות אויף פארבינדונג, אריינגערעכנט באשיצונג פון באדייטנדע ענערגיע קאסטן הויבונגען. א קוואליפיקאציע זיך איינצושרייבן פאר מוסטער קאסטן טיילונג איז א פארענדיגטע מעגליכקייט שטודיע סיי דורך די [Community Heat Pump Systems program](Community Heat Pump Systems program), [FlexTech program](FlexTech program), אדער אנדערע געלטער סאורס.

פלענער וועלן ווערן אנגענומען ביז **3:00 PM סעפטעמבער 26, 2024**. NYSERDA וועט האלטן אן אינפארמאטיוו [אנליין קלאס](אנליין קלאס) **יולי 11, 2024, 3:00 PM**. פאר סטעיקהאלדערס צו לערנען וועלכע פראיעקטן זענען בארעכטיגט און וויאזוי זיך איינצוגעבן.

די הייינטיגע מעלדונג בויט זיך NYSERDA'ס פארשריט געמאכט אונטער די [קאמיוניטי הייצונג פאמפ סיסטעם פראגראם](קאמיוניטי הייצונג פאמפ סיסטעם פראגראם), א פילאט פראגראם אנגעהויבן אין פעברואר 2021 צו שטיצן מעגליכע שטודיעס, דעטאלירטע מוסטער, אדער בוי-ארבעט פון א טערמעל ענערגיע נעטווארק. דורך די פראגראם, האט NYSERDA געגעבן געלטער פאר איבער 50 פראריעקטן סייטס ביי אנדערע שטאפלען פון פראיעקט אנטוויקלונג. דער פארמעסט שטיצט די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי שוץ אקט צילן צו פארמינערן ארויסגעבן פון גרינהויז גאז מיט 40 פראצענט ביז 2030 און 85 פראצענט ביז 2050, פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זענען געצילט צו שוואכערע קאמיוניטיס.

געביידעס זענען איינס פון די גרעסטע קוועלער פון גרינהאויז גאז ארויסגעבונג אין ניו יארק סטעיט און דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען, ווערט מער ווי $6.8 ביליאן אינוועסטירט צו די-קארבאניזירן געביידעס איבער די סטעיט. דורך פארבעסערן ענערגיע אפעקטיווקייט אין געביידעס און אוואנסירן שטאטישע אריינשטעלונגען פון אויפן-ארט סטארעדזש, איבערבאנייונגען, און עלעקטרישע וויהיקל טשארדזשינג געצייג, וועט די סטעיט פארמינערן זייער קארבאן פארפעסטיגונג און בייקומען די סטעיט'ס ציל פון פארמינערן אויפן-ארט ענערגיע באנוץ מיט 185 TBtu ביז 2025, דאס זעלבע ווי צושטעלן קראפט פאר 1.8 מיליאן שטובער.

די פראגראם ווערט געשטיצט דורך NYSERDA'ס [ריינע ענערגיע פאנד (Clean Energy Fund, CEF)](ריינע ענערגיע פאנד) און די [ראיאנישע גרינהויז גאז אינציאטיוו (Regional Greenhouse Gas Initiative, RGGI)](ראיאנישע גרינהויז גאז אינציאטיוו).

**<u>ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן</u>**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס

מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערגרייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און אן איבער 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן